# בית יעקב

## ליטעראַרישע שריפֿט פֿאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

ב״ה, לאָדזש־קראָקע־וואַרשע. | נומער 105 | צענטער יאָרגאַנג | סיון תרצ״ג

**תוכן:**

יל״א — פאַר די הייליקייט פון ארץ־ישראל. בנימין מינץ — פאַר מיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל. הרב שמואל דוד לאַסקי — די באַנקראָטירטע קולטור. הרב ד״ר פנחס הכהן — שבועות — יידישער נאַציאָנאַליזם. אליעזר שינדלער — תורה־ווערטער פון מעזריטשער מגיד. שרה שענירער — נעשה ונשמע. ד״ר מ. עליאש — צו אונדזער יוגנט. ברײַנדל קלעפּפיש — חלום־קראָקע. העשיל קדעפּפיש — יאָ, מיר האָבן אַנדער בלוט! שמואל נאַדלער — אַ מעשה נוראָ. אלימלך שטייער — שבועות (ליד). שפ״ו — דאָס שפּיגעלע. ז. שאַכנאָוויטש — מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ.

בנות־בלעטער

קריטיק איז געזונט! בילאַ צ. גראָס — אַ פאָר באַמערקונגען וועגן ״בנות״. שרה אייכנבוים — לאָמיר זיך דורכשמועסן. ישראל עמיאַט — שרה פייגאַ נעמצאָוויטש. וועגן סערטיפיקאַטן. צו אַלע בנות־פירערנס. וועגן תרומת־חברה. ידיעות און מודעות.

# פאַר דער הייליקייט פון ארץ־ישראל

**דער** עלטערער דור גידענקט נאָך גוט וואָסער אָרט אָרץ־ישׂראל האָט פאַרנומען בײַם יידישן קינד. דאָס חדר־קינד האָט קיין אָרץ־ישׂראל־מאַפּע קיינמאָל פאַר די אויגן נישט גיזעען. ס׳האָט אויך נישט באַזיצט קיין קאָלעקציע פון א״י־קאַרטן.

און דאָך, זענען ירושלים, בית־אל, באר שבע, חברון אא״וו גיוועען פאַר אים לעבעדיקע בילדער. דער לעבנס־שטייגער. מענטשן און שטעט פונים אַמאָליקן אָרץ־ישׂראל איז דעם קינד גיוועען היימישער ווי דאָס [illegible] דער לימוד פון חומש מיט רש״י האָט בײַם *קינד פאַרוואַנדלט אָרץ־ישׂראל אין ממשותדיקייט, אר״י איז נישט גיוועען בלויז דאָס פאַנטאַסטישע וואונדער־לאַנד, וואָס רייצט אַזוי דעם קינד אין די לעגענדאַרע דערציילונגען. אר״י איז פאַר אים גיוועען אַ ממשותדיקער ענין, אַ קאָנקרעטע זאַך, וואָס פאַרנעמט אַן־אָרט אינים טעגלעכן לעבן.

אבער נישט בלויז דער מוח פונים קינד, דער אוצר הידיעות, דער גידאַנקען־אַפּאַראַט איז גיוועען פאַרנומען מיט אר״י, אויך דאָס קינדערישע הערצל, דאָס קליינע גיפילס־מאַטעריאַל האָט פולסירט מיט דער קראַפט פונים אר״י מאָמענט. אויב ר׳ יהודא הלוי האָט אַזוי שאַרף קריטיקירט די גלייכגילטיקייט פון יידן צו אר״י, און פאַרגליכן זייער תפלה כצפצוף הזרזר, איז עס זיכער נישט גיוועען גיזאָגט בנוגע דעם יידישן קינד. די קינדערישע נשמה איז גיוועען אין גאַנצן פאַרשלונגען פונים אר״י ריח. ס׳האָט גיאָטעמט מיט דער אר״י לופט. אר״י האָט פאַרן קינד גילעבט מיט דער גאַנצער פראַכט און שיינקייט. בײַ אים האָט זיך אַנטוויקלט ריינע און ערלעכע בענקשאַפט צו אר״י. ס׳איז גיוואָרן זײַן חלום און זײַן טרייסט. ס׳האָט ממש גיצאַפּלט פאַר אר״י.

ווער גידענקט דאָס נישט, וואָסערן אײַנדרוק ס׳האָט גימאַכט אויפן יידישן קינד דער אָנקומענדיקער אָרץ־ישׂראל ייד, דער אר״י משולח! וואָסער אָנגילייגטער גאַסט איז ער עס גיוועען אין דער יידישער שטוב! וואָסער ליבע און פיעטעט האָבן פאַר אים גיהאַט די קינדער! ווי צוגישמידט איז מען גיזעסן צו די ערטער און גישלונגען יעדעס וואָרט זײַנס וועגן אר״י.

צו יענער צײַט האָט מען פאַר תוצרת הארץ, פאַר אר״ידיקע אויסאַרבייטונגען נישט גידאַרפט אַגיטירן. אַן־אר״י בשמים־ביקסל איז גיוועען דאָס שענסטע צירונג פון דער שטוב. אַ סידורל מיט אר״י טעוועלעך, דאָס טײַערסטע חפץ פאַרן יידישן קינד. מיט איין וואָרט: אר״י איז גישטאַנען אינים צענטער פונים קינדס דענקען, פילן און חלומען.

ווי זעט עס אבער אויס הײַנט? ס׳רעדט זיך שוין נישט וועגן יידישן מיידל. בײַ איר איז אר״י פיל פרעמדער ווי עגיפּטן און מעסאָפּאָטאַמיע. נאָר אַפילו דאָס חדר־ייִנגל האָט נישט קיין באַציאונג צו אר״י. דער גאַנצער ענין איז פאַר אים אומקלאָר. ער ווייסט נישט, וואָס מע וויל פון אים. זאָל ער ליב האָבן אר״י אָדער נישט? פון איין זײַט הערט ער כסדר וועגן אר״י, דאָס גאַנצע לערנען איז אַדורכגיפלאָכטן מיטן גורל פון אר״י און די חיבה דערצו; פון דער אַנדערער זײַט פאַרשרײַט מען פאַר אים אר״י. מע רײַסט אים אָפּ פון יעדן לעבעדיקן קאָנטאַקט דערמיט. מע ווייזט אַרויס גלײַכגילטיקייט און טייל מאָל געגנערשאַפט צו אָרץ ישׂראל.

אײַ, וואָס וועט מען זאָגן: נישט קעגן אר״י, נאָר קעגן ציוניזם — דאָס איז פאַרן קינד שווער משיג צו זײַן, קינדער פאַרשטייען נישט קיין „אבער". פאַר קינדער מוז מען רעדן קלאָר. אַהין אָדער אַהער, יאָ אָדער ניין, אונדזער קינד הערט אבער היינט וועגן אר״י דווקא מיט אַן „אבער", אר״י איז זייער גוט און זייער טײַער — אבער... אַזאַ גידאַנקען־גאַנג איז פאַרן קינד שווער תופס צו זײַן.

קאָן דאָס אַזוי זיין? אָן גימאָלט זיין שלמותדיקער יידישער חינוך אָן אר״י? שוין אָפּגירעט דערפון, וואָס אונדזערע קינדער גיוויינען זיך אַזוי נאָך אָפּ צו טון עפּיס פאַר ישוב אָרץ־ישׂראל גופא, פאַרלירן זיי דאָך דערצו אַ קערנדיקן טייל אין זייער וועלט־השקפה, אַ גיזונטן יסוד אין זייער חינוך. צי איז עס דענקבאַר אויסצוהעמערן אַ יידיש האַרץ אָן דעם אר״י פינטל? צי איז מעגלעך אויסצו־שמידן אַ יידישע גיזינונג אָן דעם אר״י־פייער? בלויז ירושלים און חברון פון אַמאָל — אָן לעבעדיק שייכות אינים הײַנט — מוזן דאָך בלייבן פוסטע ווערטער, בלייכע זכרונות. פאַרן קינד פונים פריערדיקן דור איז דאָך חומש־אָרץ־ישׂראל מיטן ממשותדיקן אר״י, גיוועזן אין ענגסטן קאָנטאַקט.

דעם היינטיקן קינד פון רעליגיעזע עלטערן פעלט דאָס. זענען מיר דערין אַליין שולדיק? טראָגן נאָר מיר דאָס אחריות דערפאַר?

זײַער פיל האָט אונדז גיקאָסט דער ציוניסטישער טעות... אָן אַ שיעור צרות זענען מיר צוליב דעם אויסגישטאַנען, שרעקלעכער ברודער־האַס האָט זיך צעוואַקסן, אַ גרויסער טייל פון דער רעליגיעזער יוגנט איז דאַדורך גיוואָרן פאַרפירט. די טויערן פון אר״י האָט מען פאַרן רעליגיעזן ייד פאַרשפּאַרט. צו דעם אַלים איז אבער נאָך פיל גרעסער דער צער, וואָס איז בײַ אונדזער רעליגיעזער יוגנט אָפּגישוואַכט גיוואָרן די חיבת אר״י. צוליבן ציוניזם —

הארכיון היהודי

הודפס מתוך הארכיון היהודי

נוצרישער רעליגיע, וואס איז באשאפן געווארן דורך א ייד און צאצקעט זיך אזוי פיל מיט דעם יידיש־הומאנישן תנ"ך, נאר מיט דער צייט וועט זיך די „נאצי פילאזאפיע" מיט דעם אויך אנ־עצה געבן. זי מאכט שוין שטימונג זיך צו באפרייען פון דעם איינפלוס פונים „ייד פון נצרת" און זאגט אן דאס שאפן פון א נאציאנאלער רעליגיע וואס זאל אנטשפרעכן דעם אלט־גערמאנישן גייסט.

קלארע דבורים, — דאס וואס קומט יעצט פאר אין דייטשלאנד איז פון פסיכאלא־גישן שטאנדפונקט גאר קיין אויסטערלישס נישט. דאס איז א נאטירלעכער פועל־יוצא פונים עגאאיסטישן שאוויניזם, וואס איז לעצטנס אזוי שטארק אויפגיבלאזן געווארן און האט סוף כל סוף גימוזט פון די דייטשע מוחות באקומען זיין „ראציאנעלן" הכשר. קיין שום קולטור־צוים איז קיינמאל נישט בכוח געווען איינ־צו האלטן דעם עגאאיסטישן דראנג און דאס אייגינע האט גיקאנט פאסירן אויך ביי אנדערע פעלקער, אמת, אז צו דער מדרגה פון אזא מוראדיקער פארווילדונג וואס זאל אנטשטיין אין אזא שנעלן טעמפא און זיך אויסגיסן מיט אזא ברוטאלער צינישקייט, האט גיקאנט דערגרייכן נאר דאס „נאבעלע" גערמאנישע פאלק, וואס צייכנט זיך שטענדיק אויס מיט זיין „לאגישער" אכזריות און טפשותדיקן סאדיזם. אנדערע פעלקער וואס האבן נישט זוכה געווען, אז אין זייערע אדערן זאל פליסן „איידל" יעקיש בלוט. וואלטן עס אפשר נישט דערגרייכט אין אזא קורצער צייט און וואלטן עס אפשר נישט אויסגיפירט מיט אזא סיסטעמאטישקייט, דאס גיהער שוין צו דער „ספעציפיש־גערמאנישער באגאבטקייט", אבער דעם גופא פסיכאז וואלטן גימוזט אונטערליגן אפילו די איידלסטע פעלקער, עס וואלט אפשר ביי זיי גיפינין אנ־אנדערע פארים פון אויסדרוק. אבער די קולטורעלע עטיק וואלט קיינמאל נישט בכוח גיוועזן דעם אינסטינקטיוון שטוים איינצוהאלטן.

די דייטשע גישעענישן באשטעטיקן שוין צום וויפלטן מאל דעם באנקראט פון דער אייראפעאישער קולטור, זיי באווייזן קלאר און בולט ווי מאכטלאז און נישטיק ס'איז די קולטורעלע עטיק אקעגן דעם מענטשלעכן עגאאיזם און זיין כלומרשטן ראציאנאליזם. זיי באווייזן, אז די גאנצע קולטור מיט אלע אירע עטישע דערגרייכונגין זענין נישט מער ווי אויסערלעכע דעקאראציעס, וועלכע טוישן זיך לייכט לויט דער מאדע און באקוועמלעכקייט און א גרויזאמער מעמענטא דארף דאס זיין פאר אונדז, נישט צו באגיין דעם פעלער וועלכן עס איז באגאנגין דאס דייטשע יידנטום. נישט אנצושפארן זיך אין דעם קולטורעלן משענת קנה רצוץ. נאר זיך פעסט האלטן אין אונדזער אלטן און שטארקן עץ חיים. — די תורה הקדושה און אירע מוסר פרינציפן. זיך פארטיפן אין אירע דערהאבינע לערעס און זיך אונטערווארפן אירע אימפעראטיווע באפעלן. און זיך צו באפרייען פון דער גיפערלעכער עגאאיסטישער מחלה דורך דער אלטער יידישער אייגנשאפט פון נעשה ונשמע.

# שבועות — יידישער נאציאנאליזם

## פון הרב ד"ד פנחס הכהן

**אין** אונדזער הייס־קאכידיקע צייט, ווען די נאציאנאלע באוועגונגין אנטוויקלין זיך אומיטום מיט א שטורמישן כוח. און פון די ריינע נאציאנאלע יסודות האט זיך ביי די אומות העולם באוויזן אויפן לעבנסמארק די נאציאנאליסטישע תביעות, וואס האבן אין תוך גינומין גאר ווייניק שייכות צו אמתן נאציאנאלן — היינט איז באמת כדאי אויפצוזוכן די אלטע מקורות און פרואוון פון דארטן ארויס שעפן ריינע אפפרישנדע וואסערן פאר די היינטיקע צוהיצטע מוחות.

צי איז עס נישט וואונדערלעך, וואס די זכרונות וועגן דער גרויסער התגלות אלקות אויפן בארג סיני זענין פארבונדן מיטן נאמין פון א יתרו, א פרעמד־גיבוירינער, ווי מע רופט עס היינט אן.

צי האט מין דעמלט ביי קבלת התורה גיפרעגט וועגן דער אפשטאמונג? צי האט מין גיפרעגט וועגן דער שפראך? — ניין! ס'איז דעמלט קלאר גיוועזן דאס דער וואס ס'האט גימיינזאמע אינטערעסן און סימפאטיעס מיט די יידישע מאסן ווערט ממילא אירס א מיטגליד. נישט נאר קיין פשוטער מיטגליר נאר אפילו אויך „ליכטיקע אויגן" פאר דער גאציע (והיית לנו לעינים). יתרו האט גיוויזן ווי אזוי דאס פאלק צו ארגאניזירן און ווי אזוי צו באטראכטן די רעכט־פראגן פון ישראל.

אויך ביים בארג סיני איז גיוועזן א מאמענט פון נאציאנאלער אנשטרענגונג, פון דער שטארקסטער התגלות פון נאציאנאלן גייסט און פון דעסט וועגן זעען מיר ווי אומיטום ווערט אפגיגעבן כבוד דעם „כהן מדין" דעם קני און אזוי איז עס גיבליבן אויך אויף שפעטער: די „בני יתרו" האבן שטענדיק גילעבט בשלום מיט יידן און זייער גיטריישאפט צו די רעליגיעזע פארבינדונגין מיט די אבות און גיוויזן א מוסטער פארן גאנצן יידיש פאלק.

---

הונדערטער יארן זענען אוועק. ישראל הי' שורה על אדמתו תחת גפנו ותחת תאנתו. דאס יידישע פאלק איז גיקומין אין זיין לאנד. עס האט גילעבט גליקלעך און צופרידן. עס האט גיפירט א לעבן לויט די אלטע יידישע אידעאלן „יעדער אונטער זיין וויינשטאק און זיין פאלמין בוים". נישט נאך קיין עשירות און לוקסוס האבן זיי זיך נאך געיאגט, נאר א רואיק גימיטלעך לעבן מיט באשיידינער אויסקומיניש און דאס האבן זיי גיפונין אין ארץ־ישראל.

אבער אט איז גיקומין א הונגער־יאר און א רייכער ייד האט אויסגיוואנדערט פון זיין לאנד מיט ווייב און קינד, מיט זיין האב און גוטס אין א פרעמדער מדינה אריין. זיינע זין האבן חתונה גיהאט מיט די טעכטער פונים פרעמדן פאלק און דער טויט האט זיי גיך נאך געיאגט אזוי ווי זייער פאטער. גיבליבן לעבן איז נאר זייער מוטער נעמי מיט אירע שנורן און באלד האט זי זיך צוריקגיקערט. אין איר פאטערלאנד. שוין ביי דער גרעניץ פונים יידישן לאנד האט איין שנור זיך אומגיקערט צוריק אין איר מדינה און נאר די צווייטע חברטע אירע רות איז ווייטער גיגאנגין מיט איר שוויגער אויסרופנדיק: דיין ג-ט וועט אויך זיין מיינער, דיין פאלק איז מיין פאלק.

אונדזערע חכמים דערקלערן: ס'איז גינוג גיוועזן, אז רות זאל אנערקענין דעם יידישן ג-ט און באהעפטן זיך צום יידישן פאלק דאס זי זאל שוין גירעכנט ווערן פאר א. יידישער טאכטער.

אויך די מואבישע טאכטער רות האט קיינער נישט גיפרעגט וועגן איר אפשטאמונג וועגן איר שפראך. דער דת אליין האט גיעפנט פאר רותן דעם וועג צו דער יידישער נאציע. און רות איז גיווארן די מוטער פון וועלכער ס'איז ארויסגיקומי דאס גרויסע מלכות בית דוד.

---

## ווערטער פון מעזריטשער מגיד

### תורה.

דוד המלך האט גיזאגט אין תהילים: עפן מיינע אויגן כדי איך זאל זעען די וואונדער פון דיין תורה; דאס מיינט מין יענע וואונדערבארע וועלטן, וואס זענין פארבארגן אין דער תורה.

---

תורה לערנין זאל מין מיט קראפט און מיט גרויס פרייד וועט דאס אפהאלטן פון פרעמדע גידאנקין.

---

אז מע זאגט תורה זאל מין אין זין האבן, אז נישט פאר מענטשן זאגט מין דאס נאר פאר זיין ליבן נאמין און מע זאל זיינע גידאנקין באהעפטן, פארבינדן מיט דעם אייבערשטן...

---

מיט דער תורה האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, און מיט דער תורה וועט די וועלט האבן א באשטאנד.

**אליעזר שינדלער**

ארכיון אסופות





הודפס מתוך הארכיון היהודי

# נעשה ונשמע

פון **שרה שענירער**

**מיר** שטייען שוין אויף דער שוועל פון דעם גרויסן טאָג פון קבלת־התורה. באַלד זענען מיר ביים ציל פון אונדזערע ציילן.

צי האבן מיר אבער באמת אויסגיניצט די צוגרייטונגס־טעג צו קבלת־התורה, אַז מיר זאלן זיך קענין שטעלן צו דעם דאזיקן טאָג מיט אַ ריין געוויסן? צי איז באָמת וועדער טאָג, יעדע שעה און יעדע מינוט דורכגיגאַנגין ביי אונדז מיט עבודת השם, אַז מיר זאלן קענין רואיק זיך שטעלן פאַרן באַשעפער אין דעם טאָג פון מתן־תורה?

אונדזער באַקאַנטער דעוויז, „למנות ימינו כן הודע" — „באַשעפער לערן אונדז ציילן אונדזערע טעג", האט שוין דען באָמת ארומגינומין דאָס לעבן פון אונדזער בית־יעקב און בנות־מחנה?

דאָ נישט לאַנג, האט מיר דערציילט אַ לערערן אַז אַ יונגע שילערן האט זי אַמאָל גיפרעגט: לערערן, וואו אַהין גייען די טעג, עס מוז דאך זיין ערגיץ וואו אַנ־ארט וואו אַהין די טעג גייען אַוועק".

א, וויפל טיפקייט שטעקט דאך אין דער דאזיקער תמימותדיקער פראַגע פון דעם יונגען קינד.

יא, די טעג האבן אַנ־ארט, אבער אַנ־אייביק ארט, פון וואַניט זיי קומין שוין צו אונדז קיינמאָל נישט צוריק. אבער זיי פאדערן דין וחשבון פונים מענטש, פאַרוואָס מ'האט זיי אַזוי ליידיק אַוועקגישיקט.

אט וואָס מיר דאַרפן אראָפלערנין פון דעם „והגבלת" „והיו נכונים" ביי קבלת־התורה. דער גאַנצער ענין פון די שלשת ימי־הגבלה, לערנט אונדז ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך צוגרייטן, כדי ראוי צו זיין, צו נעמין אויף זיך דעם עול פון תורה און מצוות.

אין דער פרשת יתרו, זעען מיר קורץ דערקלערט אונדזער גאַנצן יחוס. „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" — איר זאָלט, מיר זיין אַ קיניגרייך כהנים, אַ הייליק פאלק. דערפון זעען מיר שוין, אַז יעדער איינצלנער ייד דאַרף זיין אַ כהן, יעדע איינציקע יידישע פרוי אַ כהנת. אין אַלע האַנדלונגין און מעשים פונים ייד, דאַרף זיך אַרויסווייזן דער כהנים־יחוס, און אָנגיהעריקייט צום גוי קדוש. דאָס גאַנצע יידישע פאלק צוזאַמין דאַרף זיין אַ גוי קדוש! השי"ת האט אונדז גיגעבן אַ גאַנץ אַנדערע אויפגאַבע אינים לעבן, ווי ס'האבן אַנדערע פעלקער.

יעדיס פאלק שטרעבט, צו פאַרגרעסערן זיין אייגינער גרויסקייט, זיין אייגינים רום און זיין אייגינים שטאַלץ. מיר יידן אבער דאַרפן ג—טס גרויסקייט, ג—טס כבוד, ג—טס פראַכט אויף דער וועלט באַקאַנט מאַכן, און דאָס קען נאר גישעען, ווען מיר וועלן זיך אבסאָלוט אונטערוואַרפן די הערשאַפט פון ג—ט.

צוויי וועגן פירן דאָס יידישע פאלק צו זיין ציל. „קידוש" און „הגבלה". — היילינקונג און באַגרעניצונג. די דאזיקע צוויי אויפגאַבן דאַרפן מיר דערפילן אין יעדן מאמענט פון אונדזער לעבן.

„קידוש" הייסט אין גאַנצן מיט אַלע כוחות, מיט אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע פאַרמעגנס זיך אין גאַנצן איבערגעבן אינים דינסט צום בורא עולם. „הגבלה" הייסט ווידער זיך באַגרעניצן, זיך דערווייטערן פון אַלץ וואָס קען צוריק־האַלטן פון צו טון ג—טס רצון.

ווען די תורה הקדושה וואלט גיוועזן סתם אַ רעליגיע ווי אַ סך מיינין, וואלט זי זיכער נישט גידאַרפט אַזאַ גינויע פינקטלעכע פאַרברייטונג. רעליגיע איז אַ באַגריף, וואָס מענטשן אַליין מאַכן זיך וועגן אַ ג—טלעכער קראַפט, פאַרדאָס, אַזוי ווי דער מענטש ענדערט זיך אין זיינע השקפות און איז פאַרגענגלעך, טרעפט דעם זעלבן גורל אויך די רעליגיעס וואָס ווערן פון מענטשלעכע מוחות אויסגיטראַכט. גאַנץ אַנדערש איז אבער אונדזער הייליקער תורה. אונדזער אש־דת איז נישט פון אַ מענטשלעכן מוח אויסגיקלערט, נאר פון באַשעפער אַליין גיגעבן די מענטשהייט. די תורה איז נישט אַרויסגיקומין פון פאלק אַליין, נאר גיקומין צום פאלק און זיין ג—ט און צוליב דעם טאַקע האט מין גידאַרפט דאָס פאלק אַזוי פיל צוגרייטן צו מתן־תורה.

מיט קדושה און טהרה דאַרף דאָס יידישע פאלק אויסערלעך און אינערלעך צוגיגרייט ווערן און דערנאָך קען עס ערשט ראוי זיין מקבל צו זיין די הייליקע תורה.

דער גרויסער טאָג אין וועלכן ג—ט האט זיך אַנטפלעקט אויפן באַרג סיני, איז גיוועזן פאַר אונדז דער טאָג ווען עס איז גיגרינדעט גיוואָרן אונדזער פאלק. פון דעמלט אָן זענין מיר דאָס פאלק ישראל, וואָס האט די אויפגאַבע אין אַלע זיינע לעבנס־צייטן צו פאַרווירקלעכן און אויסצופירן מיט פרייד די מצוות, וואָס זענין אונדז גיגעבן גיוואָרן.

די תורה איז אייביק, און וועט קיינמאָל נישט פאַרענדערט ווערן חלילה אויף אַ האָר. אויך אין די היינטיקע צייטן זעען מיר, אַז די אַלע וואָס קערן זיך אָפּ פון די פליכטן פון די תורה, וואָס זי לייגט אויף אונדז אַרויף, ווערן זיי אָפּטריניק און פאַרלירן זייער פאַרבונד מיטן יידישן פאלק.

פאַר אונדזערע אויגן דאַרפן תמיד שוועבן די בילדער פון אונדזער עבר, ווי מיר זעען די העלדישע מעשים פון די אַלע וואָס האבן זיך מוסר־נפש גיוועזן אין אַלע דורות אין אַלע צייטן פאַר דער תורה.

א, מיר זענין אַנדערש ווי אַנדערע פעלקער אין אונדזער לעבן דאָס אינדיווידועלע, דאָס גיזעלשאַפטלעכע מוז האבן אַנ־אַנדער פּרצוף ווי ביי אַנדערע.

כדי מקיים צו זיין אונדזער תורה, און צו דערפילן אונדזער גרויסע אויפגאַבן, איז אונדז קיין זאַך נישט צו טייער און קיין שום אַרביט נישט צו שווער. מיר טאָרן נישט אויפגעבן אונדזער באַרוף אַלס מענטש־ישראל.

און דער עיקר איז די „הגבלה", דאָס באַגרעניצן זיך, דאָס אָפּזאָגן זיך פון כלומפּשרשט גליק, דאָס דערווייטערן זיך פון אַ פאַרדאַרבינער סביבה, און אַזוי־ערנאָך צו קענין פעיק זיין דאָס ווידמין זיך דאָס התחדשות, דאָס הייליקן זיך, דאָס מקדש זיין די גידאַנקין און מעשים און דערמיט באַווייזן מיר, אַז דער פייערדיקער פונק פון סיני איז נאך נישט אויסגילאָשן גיוואָרן פון אונדזערע הערצער.

איך וויל נאך דאָ דערמאָנין אַ וואָרט פון „חידושי הרי"ם", וואָס האט דערקלערט אַז דריי אָנפאַנגס ווערטער פון „כה תאמר לבית" מאַכן צוזאַמין „כותל", אַ וואַנט! מיר מוזן אויפשטעלן אַ דיקע מחיצה, וואָס זאל אונדז אָפּטיילן און אָפּגרעניצן פון דער אַרומיקער נישט יידישער וועלט.

ליבע שוועסטער! צו אייך, צו די, וואָס האבן שוין אין זייער האַרץ אויפגינומין דעם רוף פון „בית־יעקב" און „בנות אגודת ישראל". איר מוזט גידענקין אַז איר דאַרפט זיין אַ מוסטער און וועג־ווייזער פאַר אַלע אַנדערע קינדער פון ישראל.

זאלן מיר אַצינד ווי אַמאָל אויך אויסרופן אָן שום באַוואָרינישן, „נעשה ונשמע"!

## דאָס אויפהאַלטן פרעמד געלט...

שוין נישט איינמאָל האבן מיר זיך דערוויסט פון פאַקטן, אַז ס'ווערן פאַרכאַפּט איינקאַסירטע געלטער פון אונדזערע שריפטן. עס טרעפן פאַלן פון מיסברויכן מיט אונדזער פאַרטרויען און צונעמין די איינקאַסירטע געלטער פון אונדזערע אויסגאַבן פאַר זיך...

**חוץ דעם, וואָס אַזאַ פירונג גראָבט אונטער לחלוטין דעם קיום פון אונדזער פאַרלאַג, איז דאָס ג ז י ל ה מ מ ש און ס-איז פּשוט אומגלויבלעך, אַז מענטשן וואָס גרופירן זיך אַרום דער לייטונג פון אונדזערע שולן און אָרגאַניזאַציעס זאלן אַזעלכיס טון.**

מיר וואָרנין דעריבער די אַלע, וואָס מיר האבן זיי גישענקט דאָס פאַרטרויען און קרעדיטירט אונדזערע שריפטן, אָפּצושיקן דאָס, וואָס ויי זענין אונדז שולדיק. עס גילטן נישט קיין שום תירוצים. צו יעדן וואָס ווערט גישיקט אונדזערע אויסגאַבן זענין זיי פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געלט!

מיר וועלן גיצוואונגין זיין צו פאַרעפנטלעכן די נעמין פון די וואָס האַלטן ביי זיך אונדזערע געלטער!





הודפס מתוך הארכיון היהודי

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 60 גראשן

BAJS JAKOW | ŁÓDŹ, 26 Maja 1933 r. | Rok X zeszyt 105

Adres Redakcji: BAJS JAKOW Łódź, Kilińskiego 44. Telefon 109-77. P. K. O. 67,795.

# שוין אַרויס פון דרוק דאָס לאַנג־דערוואַרטעטע בוך

# גיזאַמלטע שריפטן

# פון שרה שענירער

יעדע יידישע פרוי, יעדע יידישע טאכטער, דאַרף זיך שוין פאַרשאַפן דאָס דאזיקע וויכטיקע האַנט־בוך. אין קיין שום יידישע שטוב טאָר דאָס בוך נישט פעלן. זינט לאַנגע צייטן איז שוין נישט גיוועזן אַזאַ אריגינעל בוך פון אַ יידישע פרוי, ס־איז אַ בוך צו לערנין און צו לייענין!

*

## דער רייכער תוכן פונים בוך:

### א) בלעטער פון מיין לעבן

פרוי שענירער באַשרייבט אינטערעסאַנטע מאמענטן פון איר לעבן, פון די קינדער־יאָרן אָן ביזן היינטיקן טאָג. באַזונדער ווערן דער־מאָנט די וויכטיקסטע מאמענטן פונים אַנטשטיין פון דער בית־יעקב באַוועגונג. איינדריקן און באַשרייבונגין פון די וויכטיקסטע גישעע־נישן, צוזאַמינגפאָרן, באַזוכן במשך די לעצטע 15 יאָר.

### ב) בית־יעקב און בנות אגודת ישראל

1. דער ציל פון די בית־יעקב שולן. 2. אונדזער לערערשאַפט ביי די לימודים. 3. דריי בריוו צו בנות אגודת ישראל. 4. דער ערש־טער יאָר־טאָג פון „בנות". 5. דער ערשטער ארטאד. פרויען־קאנגרעס אין ווין. 6. יידיש און יידישקייט 7. אונדזער גידרוקט ווארט. 8. 15 יאָר בית־יעקב באַוועגונג.

### ג) צייט מאמרים

1. דער שבת און די יידישע פרוי. 2. דער חודש תשרי. 3. אונדזער באַנייאונגס יום־טוב חנוכה. 4. וואָס לערנט אונדז פורים. 5. דער יידישער פרויען יום־טוב פסח. 6. ספירה און ל"ג בעומר. 7. שבועות און רות. 8. שבעה עשר בתמוז. 9. חורבן ירושלים. 10. נחמו נחמו עמי. 11. חמשה עשר באָב – דער באַנייטער יום־טוב פון די רעליגיעזע יידישע טעכטער.

### ד) יידיש פרויען לעבן

1. די הייליקע פליכטן פון דער יידישער פרוי. 2. אונדזער צניעות־קולטור. 3. די יידישע פרוי און דאָס כשרות. 4. יידיש פאַמיליע־לעבן. 5. מאדע אָפּגאט.

### ה) צען בריוו צו יידישע קינדער

1. דער שטילער חודש חשון 2. מיין שלח־מנות צו אייך. 3. אַנטלויפט פון זאָגן ליגנט. 4. דערווייטערט אייך פון קנאה־שנאה 5. זייט יעדן דן לכף זכות. 6. זייט נישט שטאלץ ביי זיך. 7. היט אייך פון לשון־הרע. 8. כבד את אביך ואמך. 9. ואהבת לרעך כמוך. 10. אונדזער בית־יעקב שול. (די בריוו צו קינדער זענין גידרוקט ספּעציעל מיט גרויסע שריפט).

### בילדער

1) צרשטע בנות־קאנפערענץ אין לאדזש. 2) ערשטע בית־יעקב שול אין קראָקע. 3) צווייטע בנות־קאנפערענץ. 4) צענטראַל־ראַט צוזאַמינפאָר אין ווארשע 5) בית־יעקב סעמינאַר אין קראָקע. 6) אַ גרופּע סעמינאַר־תלמידות פון יאָר פ"ו. 7) בנות־קאנפערענץ אין פּאַביניץ. 8) בנות־קאלאניע אין בענדין. 9) בנות־קאלאניע אין לאדזש. 10) בית־יעקב שול אין ירושלים 11) וועלט־קאנגרעס פון ארטאדאקסישע פרויען אין ווין. 12) פגישה פון „בנות" אין בעלכאַטאוו. 13) אַ גרופּע סעמינער־תלמידות פון יאָר תר"ץ. 14) פגישה פון „בנות" אין פולטוסק. 15) פארט־בילדונג־קורסן פון לערערנס אין ראַבקע. 16) גרונטשטיין־אַקט פון ב"י סעמינאַר. 17) בנות־[illegible] פייערלעכקייטן. 18) כשרע פרויען קאך־שול אין ווין. 19) פאַרשידינע בילדער פון שולן. 20) צייכנונגין און עמבלעמין.

**אין יעדן בוך אייך אַ גרויס בילד פון דע־ מחברטע פרוי שרה שענירער !!!**

אַ באַזונדערער חוב איז עס פון לערערנס און בנות־פירערנס, צו באַמיען זיך, אַז יעדע שילערן און חברה, זאל האָבן דאָס בוך און ס־זאל דערפון כסדר גילערנט און גיליינט ווערן ווייל דערמיט פאַרשטאַרקט מין דאָס תורה באַוואוסטזיין ביים יונגין דור.

**פּראַכט אויסגאַבע 130 זייטן — פּרייז 3.50 גילדן — במשך דעם חודש נאר 2.25 מיט פּארטא!**

**אַדרעס פון פאַרלאַג: Bajs Jakow Łódź, Kilińskiego 44. P. K. O. 67.795.**

| אַבאנאמענס־פּרייז | אַנאָנסן־פּרייז | |
|---|---|---|
| 15 נומערן – 7 גילדן. 10 נומערן – 5 גילדן<br>6 נומערן – 3 גילדן. | אַ גאַנצע זייט – 200 ג. אַ האַלבע זייט – 100 ג.<br>אַ פערטל זייט – 50 ג. אַ אַכטל זייט – 25 ג. | דער אַבאנאַמ. מוז גיצאָלט ווערן פריצראויס<br>געלט שיקן לויט פּ. ק. אָ. 67,795<br>אַ גראַטולאַציע ביז 20 ווערטער 3 גילדן<br>געלט פאַר אַנאָנסן פריצראויס. |

Red. i vyd. Luzer Gerszon Frydenzon Nakł. Centr. B. A. J. (Agudas Israel) w Polsce Druk. J. Djament Łódź, Kilińskiego 50

הודפס מתוך הארכיון היהודי